בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג

**דֶער קוּנְטְרֵס רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג. עֵצוֹת אוּן תִּקּוּנִים וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַלֶעס פַאּרֶעכְטְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס ״קְדֻשַּׁת שׁוֹבָבִי״ם״ פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זי״ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְן בעזהש״ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ״ים טֶעג

## א

דִי פֶּערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ״ים, וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן שְׁ׳מוֹת וָ׳אֵרָא בֹּ׳א בְּ׳שַׁלַּח יִ׳תְרוֹ מִ׳שְׁפָּטִים, זֶענֶען שְׁטַארְק מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי טֶעג קֶען מֶען זַייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט פַּארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן דִי גַאנְצֶע יָאר. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ״י זַ״ל זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק (יִרְמְיָה ג, כב) ״שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִ״ים״.

אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען קַיין מִצְרַיִם, דִי שְׁוֶועִרִיקֵייטְן אוּן צָרוֹת, דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט מִיטְגֶעמַאכְט, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען, זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם אוּן גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה ז׳) אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק וָואס אִיז אַזוֹי פוּל מִיט כִּישׁוּף אוּן מִיט שְׁמוּץ וִוי דִי מִצְרִיִים, אוּן אִין דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת הָאבְּן דִי אִידְן גֶעדַארְפְט גֶעפַּיינִיגְט וֶוערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אָבֶּער נִישְׁט פַארְלָאזְט, נָאר עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צֶען מַכּוֹת פַאר דִי מִצְרִיִים בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן נָאכְדֶעם

הָאבְּן דִי אִידְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן בַּארְג סִינַי.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעמָאלְט מִיט יָארְן צוּרִיק, נָאר דָאס חַזֶר׳ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדֶעס יָאר, אוּן יֶעדְן טָאג, בַּיי יֶעדְן אִיד. חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה י״ג, סִימָן ד׳) אַז אַלֶע גָלוּת׳ן וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִצְרַיִם, אִין אַלֶע גָלוּת׳ן לַיידְט מֶען פוּן דֶעם בִּיטֶערְן יֵצֶר הָרַע אוּן דִי קְלִפּוֹת וֶועלְכֶע וִוילְן נָאר אַוֶועק שְׁלֶעפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער פַּאר יֶעדְן אִיד שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים, אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ זִיךְ; דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ הַיינְט מִיט יֶעדְן אִיד וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין

אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר וויל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר וֶועט פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערִיבֶּער אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל דִי וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי״ם, וֶוען מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס דִי אִידְן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֶענֶען מִיר אוֹיסְנוּצְן דִי וָואכְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, פוּן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוערְן אֱמֶת׳דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וֶוען מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דִי שׁוֹבָבִי״ם טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועלְן מִיר נִישְׁט נָאר גֶעהָאלְפְן בְּרוּחֲנִיוּת, נָאר אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין, מִיר וֶועלְן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, אוּן שְׁפִּירְן אַ סִיפּוּק אִין לֶעבְּן.
דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מ״ט) וָואס אִיז דֶער ״יֵצֶר טוֹב״ אוּן וָואס אִיז דֶער ״יֵצֶר הָרַע״? ״יֵצֶר״ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ״צַיָר״ אַ ״מֶעלֶער״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר עֶרְלִיכֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גוּט, עֶר טְרַאכְט אַז יֶענֶער אִיז גוּט, עֶר קוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מִיט דֶעם מָאלְט עֶר אוֹיס ״גוּטְס״, עֶס וֶוערְט אַ ״יֵצֶר טוֹב״, עֶס וֶוערְט אִים גוּט אוּן פֵיין בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת. אוּן פַארְקֶערְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס סֵיי בַּיי זִיךְ אוּן סֵיי בַּיי יֶענֶעם, עֶר הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, עֶר קוּקְט מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דַאן וֶוערְט אַ

״יֵצֶר הָרַע״, עֶר מָאלְט זִיךְ אוֹיס אַ שְׁלֶעכְטע וֶועלְט, עֶר וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶר דַארְף פְּרוּבִּירְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ גוּטֶער אוּן הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ.

פוּן וָואס קוּמְט דָאס אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְט אוּן עֶר דֶערְבִּיטֶערְט זִיךְ אַלֵיינְס דָאס לֶעבְּן? דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן דִי מַחְשָׁבָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן שְׁמוּץ וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ טוּן שְׁמוּץ, אוּן דָאס אִיז וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ בִּיטֶערֶער מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זֶעט אַלֶעמָאל נָאר שְׁלֶעכְטֶס בַּיי זִיךְ אוּן

בּיי יעֶנעם, און עֶר קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ. און דַאן אִיז עֶר מַמָשׁ אִין דִי גָלוּת מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז "מֵצַר-יַם" - זַיין מֹחַ, וָואס אִיז דֶער "יַם הַחָכְמָה", וֶוערְט אִים עֶנְג; עֶר קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער זוֹכֶה אַז עֶר כַאפְּט זִיךְ וואוּ עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר זֶעט אַז דִי עֲבֵירוֹת דֶערְבִּיטֶערְן אִים נָאר דָאס לֶעבְּן, און עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הַאנְט אַרַיין אָפְּצוּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים און עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן הוֹיבְּט אָן זַיין מֹחַ צוּ לַייכְטְן, עֶס וֶוערְט אִים לִיכְטִיג פַאר דִי אוֹיגְן, עֶר הוֹיבְּט אָן זֶען נָאר דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זֶעט דִי וֶועלְט מִיט אַ לִיכְטִיגֶע בְּלִיק, זַיין לֶעבְּן שַׁיינְט אִים אוֹיף און עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ; אַזַא מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת מִצְרַיִם.

## ב

װֶוען עֶס קוּמְט אָן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבְבִי״ם טֶעג װֶוערְט יֶעדֶער אִיד נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער װֵייסְט אַז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַלֶעס פַּארֶעכְטְן. דִי פְרַאגֶע װָאס מוּטְשֶׁעט אָבֶער יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן?

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע װֶועג וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דוּרְךְ דִי מוֹיל. אַ אִיד דַארְף עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁװֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת װָאס עֶר הָאט, וִוי שְׁװֶוער עֶס אִיז אִים בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם בְּרֶענֶענְדִיגְן יֵצֶר הָרַע װָאס פְּלַאקֶערְט אִין זַיין הַארְץ, װָאס וִויל אִים נָאר אַװֶועקְשְׁלֶעפְּן פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַרַיינְוַואַרְפְן אִין עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָב, אַ אִיד דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן אַ שְׁטִילֶע ווִינְקֶל אוּן דָארְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע ווֶערְטֶער, אַזוֹי ווִי עֶר ווָאלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַן אֱמֶת׳עֶר גוּטֶער חַבֶר:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ״ים טֶעג ווָאס דִי צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט אַז אִין דִי טֶעג קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן, ווָאס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁווֶערֶע יֵצֶר הָרַע ווָאס גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה? טָאג אוּן נַאכְט בְּרֶענְט עֶר אִין מִיר אוּן בְּרֶענְגְט מִיר צוּ צוּ בִּיטֶערֶע אוּן שְׁווֶערֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם ווֶעג אַרוֹיס, ווִיפִיל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז אִיךְ

וֶועל שׁוֹין זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן בַּייצוּשְׁטֵיין מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, הֶעלְפְט עֶס מִיר אָבֶער גָארְנִישְׁט, אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אִין עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס וִוי אִיךְ וֶועל נָאךְ אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'דִיגֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וִויל שׁוֹין אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן, אִיךְ וִויל זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ זַיין אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין שְׁמוּץ, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ וִוי יִאוּשׁ; יֶעדֶער אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן, קֶען עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן עֶר קֶען זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס אוּן וֶוערְן אֱמֶת'דִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ פוּן מַיין זַייט הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶס גֵייט מִיר

נִישְׁט, אִיךְ זֶע אַז נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן אִין מַיין מַצָב, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הֶעלְף מִיר אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט דוּרְכְגֵיין דִי שׁוֹבָבִי״ם טֶעג מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, הֶעלְף מִיר אַז דָאס יָאר שׁוֹבָבִי״ם זָאל אִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארֶעכְטְן אוּן פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין נָאר ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן״.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה, וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּ אִים, עֶר זָאגְט אִים אוֹיס דֶעם גַאנְצְן אֶמֶת אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת מִיט וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ. מִיט דִי עֶטְלִיכֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען

מִיט דֶעם דוּרְכְבְּרֶעכְן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מוֹיעֶרְן, זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין קְלָאר גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט שׁוֹין אֵייבִּיג אַזוֹי בְּלַייבְּן, מֶען וֶועט דָאס שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען טוֹישְׁן, קֶענֶען אוֹיךְ גֶעטוֹישְׁט וֶוערְן צוּם גוּטְן; מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס׳פּוֹעלְ׳ן מִיט תְּפִלָּה.

מֶען דַארְף אָבֶער זַיין צוּ דֶעם אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ חַבֵר, וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מְחִיצָה צְוִוישְׁן אִים אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב) ״כִּי אִם עֲוֹנוֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִילִים בֵּינֵיכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם״. דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער אִיד אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶס נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ

בִּכְלַל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל אוּן עֶר אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג; נָאר מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אִים כְּפִירוֹת (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כ"ב) אוּן דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן דָאס מַאכְט אִים שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב) אַז וֶוען אַ אִיד זָאל וֶוען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אֵייבִּיג נֶעבְּן אִים, אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, וָואלְט דֶער אִיד זִיכֶער אַלֶעמָאל גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, דֶערִיבֶּער שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער אַ

גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אוֹיף תְּפִלָה, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיינֶע גֶעפִילְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶר שְׁפִּירְט יָא אָדֶער נִישְׁט, נָאר עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, וֶועט עֶר זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## ג

מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין זִיכֶער זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים אוּן עֶר דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן. דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל מִיר זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים יד, א) "בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם", אוּן אַ טַאטֶע וַוארְפְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק זַיין קִינְד, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נָאר און וַוארְט צוּ זֶען וֶוען זַיין קִינְד וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן און וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים און דַאן וֶועט עֶר אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אָפֶענֶע הֶענְט.

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי מ"ד) "וִוי גְרוֹיס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן תְּשׁוּבָה! גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, גֵייט עֶר דֶעמָאלְט אַרוֹיף נִישְׁט בִּיז צֶען אָדֶער צְוָואנְצִיג מִיל הוֹיךְ, נִישְׁט בִּיז הוּנְדֶערְט מִיל הוֹיךְ, נָאר אַ מְהַלֵּךְ פוּן פִינְף הוּנְדֶערְט יָאר, און נִישְׁט נָאר בִּיזְ'ן עֶרְשְׁטְן אָדֶער צְוֵוייטְן הִימְל, נָאר אִין דִי סֶעקוּנְדֶע וָואס עֶר הָאט נָאר אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה שְׁטֵייט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ פַארְ'ן כִּסֵא הַכָּבוֹד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

וָואס מֵיינְט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה? דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס אִיז פָּשׁוּט וֶוען עֶס גֶעבְּט אַ צִיפּ

פַארְ'ן מֶענְטְשְׁן אִין הַארְץ: "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אֶפְשָׁר אִיז שׁוֹין צַייט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה?" דָאס אִיז אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה. אוּן בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער אִיד כְּסֵדֶר אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת, פוּן צַייט צוּ צַייט גֶעבְּט אִים אַ צִיפּ אִין הַארְץ אַז סְ'אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין; נָאר רוֹב מָאל שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק דִי מַחְשָׁבוֹת, מֶען נוּצְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, מֶען גְלֵייבְּט שׁוֹין נִישְׁט אַז מֶען וֶועט דָאס נָאךְ קֶענֶען אַמָאל בַּאוַוייזְן. וֶוען אַ אִיד זָאל אָבֶּער וִויסְן אַז דִי קְלֵיינֶע מַחְשָׁבָה'לֶע, וָואס זֶעט אִים אוֹיס מַמָשׁ וִוי אַ גָארְנִישְׁט, הָאט אִים יֶעצְט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹי הוֹיךְ אוּן אַזוֹי נָאנְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר דָאס גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט, עֶר וָואלְט דַאן גֶעעֶפְּנְט זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן מִיט אַן אֱמֶת.

תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פ"ו:) אַז וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל דִי עֲבֵירוֹת סַיי פוּן אִים אוּן סַיי פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס כַאפְּט אִים אָן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר הָאט נָאךְ גֶעמַאכְט אַז נָאךְ פִּילֶע אִידְן זָאלְן יֶעצְט הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז "וִדּוּי דְבָרִים", אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן.

חֲזַ״ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקּוֹתַי כ״ו) ״וְהִתְוַדּוּ עַל עֲוֹנָם״ – ווי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלַייךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. אוּן אַזוֹי שְׁרַייבְּט דֶער רַמְבַּ״ם (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק א׳, הֲלָכָה א׳) אַז תְּשׁוּבָה מֵיינְט אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ בֶּעסֶער.

חֲזַ״ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּה פְּתִיחְתָּא ל״ה) פַארְוָואס וֶוערְט תְּפִלָּה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מִקְוֶה, אוּן תְּשׁוּבָה וֶוערְט צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ יַם? וַוייל אַזוֹי ווִי אַ מִקְוֶה אִיז אַמָאל אָפְן אוּן אַמָאל פַארְשְׁפַארְט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל אָפְן; דֶער יַם אִיז אָבֶּער אֵייבִּיג אָפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפְן. וָואס מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן?

דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר וֶועג ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אִיז דָאךְ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קֶען אָבֶער אַמָאל זַיין פַארְשְׁפַּארְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מֵיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן אוּן הֶערְט אִים שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁפִּירְט עֶר אַז דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט פַאר אִים; וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אָבֶער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן תְּשׁוּבָה, אַז בְּלוֹיז מִיט דֶעם וָואס עֶר טְרַאכְט פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַז עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָפְּלָאזְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיז עֶר שׁוֹין אִין דִי סֶעקוּנְדֶע גְלַייךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר דֶעם אִיד אַלֶע טוֹיעֶרְן, עֶר בַּאקוּמְט דִי שְׁטַארְקַייט אַז עֶר קֶען שׁוֹין עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

וָואס מִיט דֶעם וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא מְצִיאוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז וַוייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט יָא אַזוֹי אִיז נָאר וַוייל זַיינֶע עֲבֵירוֹת מַאכְן אִים אַזוֹי שְׁפִּירְן. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג') "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אִין אָנְהוֹיבּ הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶעמָאל אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף

דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (חולין ז׳) אַז אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט זַיין קְלֵיינֶע פִינְגֶער דָא אוּנְטְן, אֵיידֶער מֶען הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְּן אִין הִימְל; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אָבֶּער עֲבֵירוֹת, גֵייט דִי שְׁכִינָה אַוֶועק פוּן אִים, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז וַוייט פוּן אִים, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן. וֶוען עֶס כַאפְּט אָבֶּער אָן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, דַאן הוֹיבְּט עֶר וִוידֶער אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן דַארְף עֶר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע אֱמֶת׳עֶ רְצוֹנוֹת אַז עֶר וִויל בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּן.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן,

חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא כ״ה) אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלֵייקֶנְט אִין בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן מַארְק אוּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן בַּיי דִיךְ אִין שְׁטוּב שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶועל אִיךְ דִיך אוֹיךְ אָנְנֶעמֶען״. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ הַארְבֶּערֶע עֲבֵירָה וִוי כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, צוּ לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי נִידְרִיג אוּן אַזוֹי וַוייט, קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַּארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אִין לוֹיף פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר.

## ד

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן י״ט) ״בְּרִית הַלָּשׁוֹן וּבְרִית הַמָּעוֹר תְּלוּיוֹת זֶה בָּזֶה״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט נִישְׁט זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן, עֶר רֶעדְט נִבּוּל פֶּה, עֶר רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע; בְּרֶענְגְט דָאס אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען אוֹיף צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערִיבֶּער וֶוען מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג, וֶוען מִיר ווילְן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אוּן בְּעִיקָר אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר אוֹיסְנוּצְן דִי דָאזִיגֶע צַייט אוֹיךְ צוּ פַארֶעכְטְן אוּנְזֶער מוֹיל, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, נָאר אָנְהוֹיבְּן נוּצְן דֶעם מוֹיל נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה כ״ד) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (דְבָרִים כג, טו) ״וְלֹא יֵרָאֶה בְּךָ עֶרְוַת דָּבָר״ - עֶרְוַת דִּבּוּר, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן נִבּוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע טְרַאגֶעדִיעֶס, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן לֵיידֶער גֶע׳הַרְגְ׳ט אוֹיף אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע אוֹפַנִים, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט אַזֶעלְכֶע צָרוֹת, קְרֶענְק, אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן; אוּן יֶעדֶער וִויל וִויסְן פַארְוָואס דָאס קוּמְט, אוּן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז דָאס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן. זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲזַ״ל (שַׁבָּת ל״ג.) אַז דָאס רֶעדְן נִבּוּל פֶּה דָאס אִיז וָואס בְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל צָרוֹת, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן, יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן אוּן

ווערן נישט געהאלפן. דאס אלעס קומט פון דעם וואס מען רעדט נבול פה.

חז"ל זאגן דארט אז אפילו מען האט שוין אנגעשריבן פון הימל זיבעציג יאר גוטס פאר א מענטש, אויב רעדט ער אבער נבול פה, ווערט דאס איבערגעדרייט צו שלעכטס. דער רבי זאגט (ספר המדות, אות נבול פה, סימן א') אז ווער עס רעדט נבול פה, איז זיכער אז זיין הארץ איז פול מיט שלעכטע מחשבות. א מענטש כאפט נישט אז מיט דעם וואס ער רעדט נבול פה זאגט ער ארויס הויך פאר יעדן איינעם אלע זיינע באהאלטענע שלעכטע מעשים.

ווען א איד זאל וויסן וויפיל צרות ער ברענגט אויף זיך און אויף אנדערע מיט דעם וואס רעדט נבול פה, וואלט ער זיך זיכער צוריק געהאלטן דערפון. לוינט זיך

דֶען דָאס רֶעדְן נִבּוּל פֶּה, אוֹיבּ בְּרֶענְגְט דָאס אַזוֹיפִיל צָרוֹת?

און דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיטְ'ן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע, וָואס חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (עֲרָכִין ט״ו:) אַז דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִלוּי עֲרָיוֹת, און שְׁפִיכַת דָמִים. לָשׁוֹן הָרַע אִיז ווִי אַ שְׁפִּיצִיגֶע שֶׁעדְלִיכֶע פַייל וָואס מֶען שִׁיסְט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע, מֶען קֶען מַמָשׁ הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִיצְלָן מִיטְ'ן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע. און דֶערִיבֶּער דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל מִיט אַזַא שַׁארְפֶע לָשׁוֹן (עֲרָכִין ט״ו.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע.

און דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ סְתָּם אַזוֹי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט דָאס מוֹיל און עֶר מוּז רֶעדְן אַלֶעס וָואס קוּמְט

אים אַרויף אויפ׳ן צונג, דאס איז וואס ברענגט אַלע צרות אויפ׳ן מענטש. עס איז דא אַ מאַמר החכם "ווי לאַנג דאס ווארט איז בײַ דיר, ביזטו באַלעבאָס אויפ׳ן ווארט; ווי נאר דו האסט אַרויסגעזאָגט דאס ווארט פון מויל, איז דאס ווארט שוין באַלעבאָס אויף דיר", מיט דעם וואס אַ מענטש רעדט זאכן וואס ער דאַרף נישט, ברענגט ער מיט דעם אַסאך צרות סיי אויף אַנדערע מענטשן און סיי אויף זיך אַליין.

דער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א׳, סימן נ"ד) אַז ווען אַ מענטש רעדט לשון הרע גייט אַרײַן אין אים די "כח הדמיון", דאס מיינט אַז עס הויבט אָן אַרײַנצוקומען אין אים דמיונות. דאס איז פון די ערגסטע צרות און קרענק פון וואס אַ מענטש קען לײַדן, ווען עס הויבן אים אָן צו פײַניגן די דמיונות, ער רעדט זיך אײַן אַז מענטשן לויפן אים נאך, אַז מענטשן ווילן אים נאר

שְׁלֶעכְטֶס טוּן. חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת ע״ה:) ״וְהֵסִיר מִמְךָ כָּל חֹלִי, זֶה הָרַעְיוֹן״, דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן צוּ לַיידְן פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע דִמְיוֹנוֹת, עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אִים שְׁלֶעכְטֶס טוּן, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטֶס טוּן אוּן נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (יוּמָא ל״ח) ״אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמֶה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא״, אַ מֶענְטְשׁ עֶפְנְט אוֹיף אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס קוּמְט אַ צְוֵוייטֶער אוּן עֶפְנְט דִי זֶעלְבֶּע סָארְט גֶעשֶׁעפְט קֶעגְן אִיבֶּער דִי גַאס, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן וַוייל עֶר מֵיינְט אַז יֶענֶער וֶועט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ רִיר אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז נָאר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, דַאן הָאט עֶר אַ רוּאִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט.

אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַפְקִיר זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן, צוּ רֶעדְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אַלֵיין אוֹיף זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אַז עֶר זָאל יָא מוֹרָא הָאבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן שְׁטַארְק לַיידְן פוּן דֶעם.

וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג, אִיז דַאן דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין הִיטְן דָאס מוֹיל.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פַארֶעכְטְן דָאס וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט? דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן, מֶען הוֹיבְּט אָן נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע וַוארְטְן אוֹיף אַ גוּט וָוארְט, זֵיי וַוארְטְן אַז אֵיינֶער זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין. אוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען קֶען רֶעדְן שֵׁיין צוּ מֶענְטְשְׁן, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי שְׁטֶענְדִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, א) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל" - ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַרֵיין שֵׂכֶל פַאר אַן אָרִימַאן. וָואס

מיינט אן ארימאן? זאגן חז"ל (נדרים מ"א) אז דער עיקר ארימקייט איז ווען א מענטש האט נישט קיין דעת, ער האט נישט די ריכטיגע שכל צו וויסן אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, ווייל ווי נאר א מענטש האט דעם שכל פון (דברים ד, לה) "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו", ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט אים אויף טריט און שריט, דאן פעלט אים שוין גארנישט, דאן איז ער שוין אייביג פרייליך, אזוי ווי חז"ל זאגן (נדרים מ"א) אז ווען א מענטש האט שכל, פעלט אים שוין גארנישט.

אין די שובבי"ם טעג דארפן מיר זיך שטארקן אין דעם צו מחזק זיין אידן און אריינברענגען אין זיי אמונה אז זיי זאלן אויך וויסן און לעבן מיט דעם אז נאר דער אייבערשטער פירט די וועלט, צו געבן א שמייכל פאר א צווייטן איד, צו געבן א גוט ווארט פאר

אַ אִיד; אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן מוֹיל זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט.

## ה

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ״ים אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן גֶזֶל. חֲזַ״ל זָאגְן (עַיֵין רַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית ו, יג) אַז דִי גְזֵירָה אוֹיפְ׳ן דוֹר הַמַבּוּל, אַז זֵיי זָאלְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן, אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אָפְּגֶע׳חַתְמְ׳ט נָאר וֶועגְן גָזֶל. דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַמַבּוּל הָאבְּן גֶעטוּן זֵייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ו, יב) ״כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ״, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע אוּן שְׁמוּצִיגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוַוארְט מִיט גֶעדוּלְד אוּן זֵיי נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט, עֶר הָאט גֶעוַוארְט צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. וֶוען

זֵיי הָאבְּן אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גַזְלְ׳ן אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, אוּן דָאס הָאט עֶנְדְגִילְטִיג אָפְּגֶע׳חַתְמְ׳ט זֵייעֶר גְזֵירָה אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אוֹיף זֵיי דִי מַבּוּל.

דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג, אוּן מִיר ווִילְן פַארֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת, דַארְפְן מִיר גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוּן זֶען אוֹיבּ מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעכַאפְּט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן גֶזֶל. פוּן אוֹיבְּן אוֹיף קֶען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בַּא׳גַנְבְ׳ט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶע׳גַזְלְ׳ט פוּן קֵיינֶעם, דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן אַז אוֹיבּ אִיז מֶען שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען בַּאצָאלְט עֶס נִישְׁט, אִיז מֶען אַ גַנָב אוּן אַ גַזְלָן.

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם דַארְף אַ אִיד נִתְעוֹרֵר וֶוערְן אַז אוֹיבּ עֶר אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר

מֶענְטְשְׁן זָאל עֶר עֶס אָפְּצָאלְן, וַוייל אויב נִישְׁט גֵייט עֶר אַרַיין אִין כְּלַל וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, כא) "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", אֵיינֶער וָואס בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט, אִיז אַ רָשָׁע.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן צוּ גֵיין אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אוּן זֵיי בֶּעטְן אִים צוּצוּגֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ קֶענֶען אָפְּצָאלְן דִי חוֹבוֹת, אוּן עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ צוּ צָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ, וֶוען עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעלְט זָאל עֶר דָאס גֶעבְּן פַאר זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּצָאלְן אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אִיז דָאס פָּשׁוּט רִשְׁעוּת, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין

פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רמ״ט) אוֹיף דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לח, ז) ״וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה׳״, פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה אַז עֵר אִיז גֶעוֶוען ׳שְׁלֶעכְט׳, פַארְוָואס זָאגְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳רָשָׁע׳? נָאר וֶוען אֵיינֶער טוּט דִי עֲבֵירָה וָואס עֵר הָאט גֶעטוּן, עֶר טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַאן וֶוערְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ.

חֲזַ״ל זָאגְן (מַכּוֹת כ״ג:) אַז גֶזֶל אוּן עֲרָיוֹת זֶענֶען דִי זַאכְן צוּ וָואס עֶס צִיט דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן אִין דִי שׁוֹבָבִי״ם טֶעג דַארְפְן מִיר דָאס פַארֶעכְטְן. מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ צָאלְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע חוֹבוֹת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר אַז עֶר צָאלְט אָפּ צוּבִּיסְלֶעךְ

ווִיפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר זֶען אַז מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת. אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל דַארְף עֶר אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, זֵיי בַּארוּאִיגְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן זֵיי, עֶר לַאכְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס פוּן זֵיי, נָאר עֶר הָאט פָּשׁוּט נָאכְנִישְׁט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן; עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ צָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ ווִיפִיל עֶר קֶען, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אַלֶעס אָפְּצָאלְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ט׳.) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט צוּ אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ אִים, דַאן נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט. חֲזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כ״ב, סִימָן ג׳) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַארְשְׁמִירְטֶע הֶענְט פוּן גֶזֶל, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ זַיינֶע תְּפִלּוֹת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן, דַארְף עֶר גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אוֹיבּ זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁמִירְט מִיט גְזֵילָה, אוֹיבּ עֶר אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאצָאלְט.

לָאמִיר אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג זִיךְ אָפְּצוּרֵיינִיגְן פוּן גְזֵילָה אוּן גְנֵיבָה, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן שָׁלוֹם מַאכְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְקַבֵּל זַיין אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

ו

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה כ"ו) אַז מַחְלוֹקֶת אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי דֶער דוֹר הַמַּבּוּל. דִי עֲבֵירָה פוּן דוֹר הַמַּבּוּל אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אַז זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן,

אָבֶער ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר אִיז זֵייעֶר גְזֵירָה נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶע׳חַתְמְ׳ט נָאר צוּלִיבּ גֶזֶל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט צְווִישְׁן זִיךְ.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י״א) ״גָדוֹל הַשָּׁלוֹם, וּשְׂנוּאָה הַמַּחֲלֹקֶת״. וֶוען מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג, וֶוען מִיר ווִילְן פַּארֶעכְטְן דָאס וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר אוֹיךְ זֶען צוּ פַּארֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן מַחְלוֹקֶת, צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת ווִי פוּן פֵייעֶר אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי מִדָה פוּן שָׁלוֹם, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַּארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ ווִי שָׁלוֹם, אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (עוּקְצִין, פֶּרֶק ג׳) ״לֹא מָצָא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחְזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָא הַשָּׁלוֹם״, אוּן דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ט׳, סִימָן

ט׳) "גָדוֹל הַשָׁלוֹם, שֶׁכָּל הַבְּרָכוֹת כְּלוּלוֹת בּוֹ", שָׁלוֹם בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

מִיר זֶעעֶן ווִי וַוייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז עֶס זָאל נָאר זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן און עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וַוייט אַז חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ה:) אַז מֶען מֶעג מְשַׁנֶה זַיין און נִישְׁט זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אוֹיבּ דָאס ווֶעט הֶעלְפְן בְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם. און חֲזַ"ל זָאגְן דָארְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מְשַׁנֶה גֶעווֶען כְּדֵי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י"ח) "קוּק ווִי הַארְבּ עֶס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן מַחְלוֹקֶת, אַז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה שְׁטְרָאפְט נִישְׁט נָאר פוּן צְווָאנְצִיג יָאר אַלְט און הֶעכֶער, און אִין בֵּית דִין שֶׁל מַטָה שְׁטְרָאפְט מֶען נִישְׁט נָאר פוּן דְרַייצְן יָאר און הֶעכֶער, אָבֶער בַּיי דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח זֶענֶען אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, פוּן

בְּלוֹיז אַ טָאג אַלְט, אוֹיךְ אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד״. לֵיידֶער גֵייט דָאס נָאךְ אָן בִּיז׳ן הַיינְטִיגְן טָאג, קִינְדֶער וֶוערְן נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק מִיט בִּיטֶערֶע מַחֲלוֹת, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶעבֶּעךְ פְּרִיצַייטִיג פַּארְשְׁנִיטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַּארְמִישְׁט אִין מַחְלוֹקֶת. מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט קְרוֹבִים אוּן מִיט שְׁכֵנִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט נָאנְטֶע אוּן מִיט וַוייטֶע, אוּן דָאס אִיז וָואס בְּרֶענְגְט נֶעבֶּעךְ דִי אַלֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת.

חֲזַ״ל זָאגְן (סִפְרִי רְאֵה צ״ו) ״לֹא תִתְגּוֹדְדוּ, לֹא תַעֲשׂוּ אֲגֻדּוֹת אֲגֻדּוֹת״. עֶס אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זִיךְ נָאר לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ יֶענֶער בַּאלַאנְגְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי יֶענֶער זֶעט אוֹיס, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק יֶענֶעמִ׳ס אָפְּשְׁטַאם. לֵיידֶער אִיז עֶס זֵייעֶר

אַיינְגֶערִיסְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר לִיבּ זַיינֶע אֵייגֶענֶע אַרוּמִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אִידְן וָואס בַּאלַאנְגֶען צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז, וָואס קוּמֶען פוּן אַן אַנְדֶערְן אָפְּשְׁטַאם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דָאס אִיז וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ״ים טֶעג, מִיר דַארְפְן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן יֶעדֶע סָארְט מַחְלוֹקֶת, אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם.

חֲזַ״ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה ה׳, סִימָן י״ב) ״גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם, שֶׁאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ מְבַשֵּׂר אֶת יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּהְיוּ נִגְאָלִים אֶלָּא בְּשָׁלוֹם״, אִידְן וֶועלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת נָאר דוּרְךְ שָׁלוֹם. אוּן דָאס אִיז סֵיי דִי פְּרָטִיּוֹת׳דִיגֶע גְאוּלָה פוּן דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים סט, יט) ״קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה

גֶעפַאנגֶען אִין גָלוּת, עֶר גֶעפוּנֶט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין סִפּוּק הַנֶפֶשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן נ"ו). אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פִירְן קַיין מַחְלוֹקֶת מִיט קֵיינֶעם, נָאר צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, מִיט דֶעם וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

אוּן אִין זְכוּת פוּן שָׁלוֹם וֶועלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי כְּלָלִיוּת׳דִיגֶע גְאוּלָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס וֶועט אוּנְז אַלֶע פַארֶעכְטְן אוּן עֶר וֶועט פַארֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. יֶעדֶער וֶועט וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם